18 אייפעריק וועגן זיי. עס איז אָבער אַ גוטע זאַך
תמיד צו אייפערן צום גוטן, און נישט נאָר בשעת
19 מיין אָנוועזנהייט ביי אייך, קינדער מיינע, פאַר
וועמען איך לייד ווידער אין ווייען, ביז משיח
20 ווערט זיין פאַרפעסטיקט אין אייך. איך וואָלט
איצט געוואָלט זיין ביי אייך, און ענדערן מיין קול;
ווייל איך בין אין ספק וועגן אייך.
21 זאָגט מיר, איר, וועלכע ווילן זיין אונטער דער
תורה, צי הערט איר נישט (וואָס) די תורה (זאָגט)?
22 וואָרום עס שטייט געשריבן, אַז אברהם האָט געהאַט
צוויי זין, איינעם פון דער דינסטמויד און איינעם
23 פון דער פרייער (פרוי). נאָר דער פון דער דינסט־
מויד איז געבוירן געוואָרן לויטן פלייש, דער
אָבער פון דער פרייער (פרוי) דורך דער הבטחה.
24 די זאַכן זענען אַ משל; וואָרום דאָס זענען צוויי
בריתות (בונדן), איינער פונם באַרג סיני, וואָס
מאַכט געבוירן צו קנעכטשאַפט, דאָס איז הגר.
25 און הגר איז דער באַרג סיני אין אַראַביען, און איז
גלייך צום איצטיקן ירושלים, וואָרום זי איז אין
26 קנעכטשאַפט מיט אירע קינדער. אָבער דאָס ירו־
שלים של מעלה איז פריי, דאָס איז אונדזער מוטער.
27 וואָרום עס שטייט געשריבן:

פריי דיך, דו עקרה, וועלכע האָט נישט געבוירן,
ברעך אויס אין געזאַנג, און שריי, אָ דו, וועלכע
האָט נישט קיין געבורטסווייען;
ווייל פיל מער זענען די קינדער פון דער
פאַרלאָזטער,
ווי פון דער, וועלכע האָט דעם מאַן. (ישעיהו נד, א)

28 איר אָבער, ברידער, ווי יצחק, זענט קינדער
29 פון דער הבטחה. נאָר פונקט ווי דעמאָלט האָט
דער געבוירענער לויטן פלייש גערודפט דעם